**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט כמעט 80 מיליאן דאלאר צו שטיצן אויסגעברייטערטע באניץ פון זיראו-עמישען וויהיקעלס לענגאויס ניו יארק סטעיט**

***פינאנצירונג טרייבט אריבערטויש צו זיראו-עמישען פלאטעס פאר נאן-MTA טראנזיט פראוויידערס און שטיצט רעדוקציע פון גרינהאוז גאזן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז כמעט 80 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג איז געשאנקען געווארן צו העלפן זיבן טראנזיט פראוויידערס אויסברייטערן זייערע באניץ פון זיראו-עמישען וויהיקעלס אונטער די סטעיט'ס זיראו-עמישען טראנזיט אריבערגאנג פראגראם (Zero-Emission Transit Transition Program, ZETT). די פראגראם שטיצט די גאווערנאר'ס נאציאנאל-פירנדע אגענדע צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמישענס און דערגרייכן ניו יארק'ס ענערגיע צילן.

"ניו יארק'ס ארבעט צו אריבערטוישן פובליק טראנזיט אגענטורן צו זיראו-עמישען פלאטעס איז א קריטישע שריט צו קענען דערגרייכן אונזערע ריינע ענערגיע צילן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פארמערן די צאל זיראו-עמישען טראנזיט וויהיקעלס אין יעדער ווינקל פון אונזער סטעיט וועט צושטעלן ריינערער לופט און געזונטערער קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע (State Department of Transportation) קאמישענער Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגועז) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער Hochul's (האקול) פירערשאפט, טוט ניו יארק פארזעצן צו מאכן געצילטע, קלוגע, אינוועסטירונגען אין זיראו-עמישען טראנזיט צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמישענס, און NYSDOT's ZETT פראגראם לייגט געוויכט אויף צושטעלן ריינע ענערגיע אלטערנאטיוון פאר געגנטער דורכאויס די עמפייער סטעיט. די זיראו-עמישען טראנזיט אריבערגאנג (ZETT) פראגראם טוט צושטעלן אן אייגנארטיגע געלעגנהייט פאר לאקאלע ניו יארקער טראנזיט אגענטורן צו אינוועסטירן אין קלימאט-פריינטליכע וויהיקעלס פאר זייערע אייגענע פלאטעס, וואס וועט העלפן פארבעסערן די געזונטהייט פון לאקאלע קאמיוניטיס בשעת'ן רעדוצירן די סטעיט'ס קארבען פוט-פרינט."

נאן-MTA טראנזיט אטאריטעטן זענען געמוטיגט געווארן זיך איינצוגעבן פאר פינאנצירונג צו שטיצן די איינהאנדלונג פון זיראו-עמישען טראנזיט וויהיקעלס, אויפבוי פון איינריכטונגען און יוטיליטי אינפערסטראקטור פאר טשארדשינג און פיולינג, און נויטיגע פלאנירונג און דיזיין פאזעס פאר זיראו-עמישען קאפיטאל פראיעקטן.

די וואס האבן באקומען אווארדס און זייערע פראיעקטן:

- קעפיטאל דיסטריקט טראנספארטאציע אטאריטעט (Capital District Transportation Authority, CDTA) - 17.5 מיליאן דאלאר: די פראיעקט וועט ארייננעמען די פלאנירונג, דיזיין,

און אויפבוי פון א נייע טרענירונג און אויפהאלטונגס פאסיליטעט צו שטיצן א זיראו-עמישען פלאטע וואס וועט דעקן סערוויס אין סקענעקטעדי און מאנטגאמערי קאונטיס, און טיילן פון סערעטאוגע קאונטי. די פראיעקט נעמט אויך אריין די קויפונג פון צוויי היידראדשען-עלעקטרישע/ברענשטאף-צעל באסעס.

- צענטראל ניו יארק ראיאנישע טראנספארטאציע אטאריטעט (Central New York Regional Transportation Authority, Centro) - 17.5 מיליאן דאלאר: די פראיעקט וועט צאמשטעלן פאסיליטעטן און אפעראציעס אין אנעידע קאונטי צו שטיצן די אריבערטויש צו א זיראו-עמישען פלאטע, ערמעגליכנדיג א מעגליכע צוקונפטיגע אויסברייטערונג צו מעדיסען און הערקימער קאונטיס. די פראיעקט נעמט אויך אריין די קויפונג פון באטערי-עלעקטרישע און/אדער היידראדשען-עלעקטרישע/ברענשטאף-צעל וויהיקעלס.
- ניאגרא פראנטיער טראנספארטאציע אטאריטעט (Niagara Frontier Transportation Authority, NFTA) - 17.5 מיליאן דאלאר: די פראיעקט וועט אריינשטעלן צוויי ליניעס פון טשארדשינג אינפערסטראקטור ביי די קאלד ספרינג באס גאראזש (Cold Spring Bus Garage) און פינאנצירן די קויפונג פון 18 באטערי-עלעקטרישע באסעס. ווי אויך, וועט דורכגעפירט ווערן א מעגליכקייט שטודיע צו דערגיין די אינפערסטראקטור פאדערונגען און קאסטן פון אויסברייטערן די זיראו-עמישען פלאטע צו די פראנטיער און בעבקאק באס גאראזשעס.
- ראטשעסטער דשענעסי ראיאנישע טראנספארטאציע אטאריטעט (Rochester-Genesee Regional Transportation Authority, RTS) - 17.5 מיליאן דאלאר: די פאסיליטעט אינפערסטראקטור פראיעקט וועט פארבעסערן די אפעראציעס געביידע מיט יוטיליטי און זיכערהייט פארבעסערונגען צו אקאמעדירן היידראדשען-עלעקטרישע/ברענשטאף-צעל באסעס. עס וועט אויך פינאנצירן די קויפונג פון 10 היידראדשען-עלעקטרישע/ברענשטאף-צעל באסעס.
- סאפאלק קאונטי טראנזיט (Suffolk County Transit) - 5 מיליאן דאלאר: די פראיעקט שטעלט צו פינאנצירונג פאר די קויפונג פון 12 באטערי-עלעקטרישע באסעס.
- ברום קאונטי טראנזיט (Broome County Transit) - 3.34 מיליאן דאלאר: די פראיעקט שטעלט צו פינאנצירונג פאר די קויפונג פון דריי באטערי-עלעקטרישע באסעס.
- אלסטער קאונטי געגנט טראנזיט (Ulster County Area Transit, UCAT) - 1.35 מיליאן דאלאר: די פראיעקט וועט פינאנצירן דאס אויסוועלן אן ארט און פלאנירן א נייע באס פאסיליטעט וואס איז אויסגעשטאט מיט עלעקטרישע וויהיקעל טשארדשינג מעגליכקייטן.

צום ערשט געמאלדן אין דעצעמבער 2024, טוט די ZETT פראגראם צושטעלן 100 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר טראנזיט פראוויידער לענגאויס ניו יארק סטעיט צו שטיצן די אריבערטויש פון טראנזיט פלאטעס צו זיראו-עמישען פראפאלזשען (באטערי-עלעקטריש און היידראדשען-עלעקטריש). די אדורכגעפירטע בודשעט פאר די 2026 פינאנציעלע יאר האט צוגעלייגט 20 מיליאן דאלאר צו דעם פאנד. בארעכטיגטע אפליקאנטן רעכנט אריין טראנזיט אטאריטעטן, קאונטיס, מוניציפאליטעטן, און אנדערע ענטיטיס וואס באקומען אדער זענען בארעכטיגט צו באקומען ניו יארק סטעיט-ברייטע מאסן טראנספארטאציע אפערירונג הילף (Statewide Mass Transportation Operating Assistance STOA). די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) און אפערירער פון באסעס פון איין שטאט צום צווייטן זענען נישט בארעכטיגט.

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דשערעמי קואני) האט געזאגט,** "איך האב אלעמאל געגלייבט אז אונזער סטעיט'ס הויכע קלימאט צילן גייען האנט-ביי-האנט מיט אונזער טראנספארטאציע און אינפערסטראקטור צילן. א דאנק גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוט ניו יארק זיך אוועקשטעלן ביים שפיץ פון ריינע טראנספארטאציע אפציעס וועלכע וועלן שאפן א גרינערער צוקונפט פאר אונזער סטעיט בשעת'ן נאכקומען די טראנזיט געברויכן פון ניו יארקער."

**אסעמבלי טראנספארטאציע קאמיטעט פארזיצער William Magnarelli (וויליעם מעגנערעלי) האט געזאגט,** "עס מוטיגט צו זעהן ווי פינאנצירונג ווערט פארטיילט פאר טראנזיט אטאריטעטן צו שטיצן די אריבערטויש צו זיראו-עמישען וויהיקעלס. פאר די אריבערגאנג פעלט זיך אויס צו האבן די פאסיגע אינפערסטראקטור, און די אווארדס וועלן ארויסהעלפן מיט דעם ארבעט, ספעציעל אין צענטראל ניו יארק."

**איבער די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, געזעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באַרייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער! פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאלגט אונז נאך אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט די DOT וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפּ.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן